אַליס וועקסלער

# אַנאַרכיסטישער צוזאַמענפאָר אין װענעציע

### 1.

במשך זיבן אידילישע טעג, פונעם 24סטן ביזן 30סטן סעפּטעמבער, 1984, זענען זיך צונויפגעפאָרן קיין װענעציע, אין דער אַלטער היסטאָרישער שטאָט אין איטאַליע, איבער דריי טויזנט אַנאַרכיסטן אַקטיוויסטן און סימפּאַטיקערס און געלערנטע פון 34 לענדער. צווישן זיי אויך פון אַזעלכע מדינות, וואָס קיינער וואָלט קיין מאָל ניט געגלייבט, אַז דאָרטן זענען פאַראַן אַנאַרכיסטן, ווי למשל, מצרים, איראַן, פּוילן, רומעניע, דרום־קאָרעאַ, יוגאָסלאַוויע, מאַלעזיע, דרום־אַפריקע, און אַ צאָל נאָך אַזוינע דיקטאַטאָרישע לענדער. דאָס איינציקע לאַנד, וואָס האָט אַ מאָל געהאַט אַן אַנגעזעענע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג און ווו ס׳זענען זיכער אויך איצטער פאַראַן אַנאַרכיסטן, אָבער קיין איינציקער פון זיי האָט פון דאָרטן זיך ניט געקאָנט אַרויסרייסן צו קומען צום אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטישן צוזאַמענפאָר, איז געווען סאָוויעט־רוסלאַנד.

ווען איך האָב מיינע פריינד אין דער היים, אין קאַליפאָרניע, געלאָזט וויסן, אַז איך פאָר צו אַן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס, האָבן זיי געוווּנדערט מיט אַ חוזק־שמייכל: „אַן אַנאַרכיסטישער קאָנגרעס? צי איז דאָס ניט קיין אידעאָלאָגישע סתירה?” אָבער די אַנאַרכיסטישע אַקאַדעמיקערס, וואָס האָבן אין װענעציע דיסקוטירט די טעמע „אויטאָריטאַרישע טענדענצן און ליבערטאַרישע שפּאַנונגען אין די היינטיקע געזעלשאַפטן”, האָבן בולט באַוויזן, אַז אַנאַרכיזם און קאָנגרעסן זענען גאָרניט אַזעלכע גוואַלדאָווע היפּוכים. וואָרן ניט געקוקט אויף דער אַנאַרכיסטישער אַמביוואַלענץ בנוגע פאָרמירן אייגענע אָרגאַניזאַציעס, האָט די דאָזיקע באַוועגונג דאָך אַ טראַדיציע פון אַדורכפירן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן כדי אויסצוטוישן אינפאָרמאַציע, אָנצונעמען באַשלוסן וועגן סטראַטעגיע און רעזאָלוציעס וועגן גרינדן לויזע פאַראייניקונגען און אפילו אויך אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפעדעראַציעס.

אָבער להיפוך צו די פריערדיקע אַנאַרכיסטישע קאָנגרעסן, וואָס זענען געווען באַגרענעצט צו אַ קליינער צאָל דעלעגאַטן, איז דער צוזאַמענפאָר אין װענעציע געווען אַ מאַסן־צוזאַמענקום, אַ גרויסע שימחה און אַ סאָרט הילולא, ווו דער עולם האָט זיך געפרייט מיט דער געשיכטע און קאָלירפולקייט פונעם אַנאַרכיזם, הנאה געהאַט פון די אויסשטעלונגען און פילמבילדער און קאָנצערטן, און פאַרשטייט זיך אויך, — און אפשר איז דאָס טאַקע געווען דער עיקר, — פון די אַקאַדעמישע פאַרזאַמלונגען, ווו די אַנאַרכיסטישע געלערנטע האָבן פאָרגעלייענט זייערע רעפעראַטן, דיסקוטירט זייערע טעאָרעטישע אויספירן, און פאַרטיידיקט זייערע סאָציאַלע שטאַנדפונקטן.

די סאַמע אָרגאַניזירערס פון דעם צוזאַמענפאָר האָבן מיט זיך אָפגעשפּיגלט אַן אינטערנאַציאָנאַלן אַקאַדעמישן הינטערגרונט. צווישן זיי זענען געווען מיטגלידער פונעם „אַנאַרקאָס אינסטיטוט” אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, פון דער „סיראַ” (אינטערנאַציאָנאַלער צענטער פאַר אַנאַרכיסטישע פאָרשונגען) אין זשענעווע, שווייצאַריע, און בעיקר די איטאַליענישע פּראָפעסאָרן, זשורנאַליסטן און מיליטאַנטן פונעם „טשענטראָ סטודי ליבערטאַרי” (צענטער פאַר ליבערטאַרישע פאָרשונגען) אין מילאַן. דער דאָזיקער אַנאַרכיסטישער שטודירצענטער איז אויפן נאָמען פון ג. פּינעלי, וואָס איז פאַלש באַשולדיקט געוואָרן אין האָבן געוואָרפן אַ באָמבע אויף אַ פּלאַץ אין מילאַן און ער איז אומגעקומען אויף אַ מיסטעריעזן אופן בעת די פּאָליצייאישע פאָרשונגען. אגב, דער דאָזיקער טויט פון אַן אומשולדיקן אַנאַרכיסט איז די טעמע פון דאַריאָ פאָס באַרימטער דראַמע: „דער צופעליקער טויט פון אַן אַנאַרכיסט”.

אַ סך פון די רעפערענטן און דעבאַטאַנטן זענען געווען פּראָפעסאָרן פון פילאָסאָפיע, ליטעראַטור, פּסיכאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע, אָדער פּאָליטישער וויסנשאַפט. און זיי זענען געווען פון פאַרשיידענע אַנאַרכיסטישע ריכטונגען און שאַטירונגען. ס׳זענען דאָרטן געווען אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן פון שפּאַניע און שוועדן; פראַנצויזישע ליטעראַטור־קריטיקערס און אַרגענטינישע פּסיכאָ־אַנאַליטיקערס; קאַנאַדישע פעמיניסטן און אַמעריקאַנישע עקאָלאָגן; דייטשע „היפּיס” און איטאַליענישע סאָציאָלאָגן; סקאַנדינאַווישע און בריטישע אַנטי־נוקלעאַרע אַקטיוויסטן; און פאַרשטייערס פון כלערליי

---

דאָזיקער ליבערטאַרישער טראַדיציע דאַרפן מיר אַלע לערנען און ניט מבטל זיין זי און ניט מאַכן חוזק פון איר.

די עיקרדיקע לעקציעס פונעם אַמעריקאַנישן אַנאַרכיזם זענען: זיי קריטיש בנוגע אויטאָריטעט; מייד אויס די בלינדע געהאָרכיקייט; האַלט אַ קריטיש אויג אויף אַלע פּאָליטיקערס און אַפּאַראַטשיקעס; וואַרף אָפּ דעם בלינדן פּאַטריאָטיזם. (דער ענגלישער שרייבער, קריטיקער און לעקסיקאָגראַף סעמיועל דזשאָנסאָן האָט אַזאַ סאָרט פּאַטריאָטיזם אָנגערופן: „די לעצטע באַהעלטעניש פון איטלעכן אויסוואָרף”). און נאָך אַ וויכטיקע לעקציע פונעם אַמעריקאַנישן אַנאַרכיזם איז, אַז מיר מוזן זיך היטן פון דער פרומער און צבועקישער מוילמלאכה פון אונדזערע פירערס און זייערע אונטערשטופּערישע משרתים. דאָס איז דער אַנאַרכיסטישער אָנזאָג אין אַמעריקע. ער ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער געשיכטלעכער ירושה פון די פאַראייניקטע שטאַטן. און איך גופא, ווי איינער פון אַ צאָל אַנדערע, גלייב אין דער ריכטיקייט פונעם דאָזיקן אַנאַרכיסטישן אָנזאָג.

וויסנשאַפטן און אַקאַדעמישע געביטן פון אַ צאָל אַנדערע לענדער. זיי זענען אָבער אַלע געווען פאַראייניקט אין זייער קעגנערשאַפט צו מלוכות און צום קאַפּיטאַליזם. דעריבער טאַקע האָט זייער אָפּאָזיציע צו רעגירונגען איינגעשלאָסן אויך די ממשלות אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אין אַלע סאָציאַליסטישע לענדער. אַ טייל פון די דאָזיקע קריטיקערס האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרעסערע קעגנערשאַפט צו די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע רעגירונגען ווי צום מערבדיקן קאַפּיטאַליזם אין די דעמאָקראַטישע לענדער.

אָבער דער אַנאַרכיסטישער צוזאַמענפאָר איז ניט באַשטאַנען בלויז פון אַקאַדעמישע רעפעראַטן און געלערנטע דעבאַטעס. אויף איינעם פון די גרעסטע פלעצער אין ווענעציע, אויף קאַמפּאָ סאַן פּאָלאָ, איז געווען אויפגעשטעלט אַ ריזיק שוואַרץ־רויט געצעלט מיט אַ גרויסן טראַנספּאַראַנט און אַ ברוך־הבא־באַגריסונג אויף איטאַליעניש: „טשאַאָ אַנאַרקיקי!”

אינעם געצעלט גופא זענען געווען עלעגאַנט אויפגעשטעלט עקספּאָנאַטן מיט פאָטאָגראַפיעס, באַגלייט מיט טעקסטן פון דער געשיכטע פון די אַנאַרכיסטישע באַוועגונגען אין אַ צאָל לענדער, אָנהייבנדיק מיט איטאַליע, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן, ביז צו אַזעלכע לענדער ווי מעקסיקע, אַרגענטינע, קובאַ, בולגאַריע, און אַ צאָל אַנדערע און ווייניקער באַקאַנטע ווייטע מדינות. איין אויסשטעלונג האָט געוויזן די שייכות צווישן אַנאַרכיזם און קונסט, ווי למשל, ביי דעם פראַנצויזישן אימפּרעסיאָניסטישן מאָלער קאַמיל פּיסאַראָ און אַ צאָל אַנדערע קינסטלערס, וואָס זענען געווען אויך אַנאַרכיסטן. אַ טעלעוויזאָר האָט כסדר געוויזן, פּראָגראַמען וועגן די פאַרשיידענע אַספּעקטן פונעם אַנאַרכיזם. און אין די אָוונטן האָט מען געוויזן אַנאַרכיסטישע פילמען, אָנהייבנדיק מיטן דאָקומענטאַר וועגן דער „פרייע אַרבעטער שטימע” און די יידישע אַנאַרכיסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ביז צו אַ קליינעם פילם וועגן אַן אַנאַרכיסטישער קאָלאָניע אין בראַזיליע אין די אַכצן־אַכציקער יאָרן. אַ צווייטער פילם, „פּאַטאַגאָניאַ רעבעלדע”, האָט געוויזן אַ גרויסן סטרייק אין אַרגענטינע אין די צייטן ווען די אַנאַרכיסטישע השפעה איז דאָרטן געווען היפּש גרויס.

עטלעכע מינוט גאַנג פון קאַמפּאָ סאַן פּאָלאָ איז קאַמפּאָ סאַנטאַ מאַרגאַריטאַ. דאָס איז געווען דער הויפּטפּונקט פונעם צוזאַמענפאָר. דאָ איז אויך געווען די „קוטשינאַ”, די קיך, הייסט עס, וווּ דער עולם האָט געקאָנט קויפן כלערליי געשמאַקע מאכלים צו צוגעגלעכע פרייזן און אויך גרויסע גלעזער פיינעם רויטן וויין און פרישע פרוכטזאַפטן. קעגנאיבער דער דאָזיקער קיך איז געווען דער עסזאַל. דאָס איז געווען אַן אָפענער פּלאַץ מיט לאַנגע טישן און בענק און מיט אַ לייוונטן דאַך איבערן קאָפּ. דאָרטן האָט דער עולם ניט בלויז געגעסן און געטרונקען, נאָר אויך געמיטלעך געשמועסט און אָפט מאָל אויך הייס אַרגומענטירט.

ניט ווייט אַוועק זענען געווען די טישן, בודקעס און קיאָסקן מיט אַ גרויסן אָפּקלייב פון אַנאַרכיסטישע ביכער און בראָשורן און צייטשריפטן אין כמעט אַלע אייראָפּעאישע לשונות, בתוכם אויך יידיש און איינגעשלאָסן די „פרייע אַרבעטער שטימע” און „פּראָבלעמען”. ס'איז דאָרטן אויך געווען אַ קאָנצערט פון רעקאָרדירטע אַנאַרכיסטישע לידער אין עטלעכע שפּראַכן, צווישן זיי צוויי יידישע לידער פון דוד עדעלשטאַדט, „וואַכט אויף” און „צום קאַמף”.

אָבער די דאָזיקע אַלע פאַרווייַלונגען, כאָטש זיי זענען געווען זייער פּאָפּולער, זענען ניט געווען דער עיקר פונעם אַנאַרכיסטישן צוזאַמענפאָר אין ווענעציע. דער עיקרדיקער ציל זענען דאָך געווען די רעפעראַטן און סימפּאָזיומס און פּאַנעל־דיסקוסיעס. למשל, דער צוזאַמענקום אינעם הויפּטזאַל פונעם אַרכיטעקטור־פאַקולטעט איז דער פּלאַץ געווען אַזוי איבערגעפּאַקט, אַז מענטשן האָבן געמוזט שטיין ביי די ווענט, און אינעם הינטערשטן טייל פונעם זאַל איז דער עולם געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע. ביי די הויפּט־סעסיעס זענען אויך געווען גלייכצייטיקע איבערזעצערס אין ענגליש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש, שפּאַניש און דייטש. דער עולם איז געזעסן מיט די סלוכאָוועס איבער די אויערן און אויך איך בין אָפט מאָל געזעסן מיטן הערטרייבל איבער מיין קאָפּ. און מיר אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו די רעפעראַטן אין די דערמאָנטע שפּראַכן. אַגב, די לשונות פון די רעדנערס און זייער פליסיקייט אין פרעמדע שפּראַכן האָבן עדות געזאָגט אויף די לאַנגע יאָרן גלות, וואָס אַ סך אינטערנאַציאָנאַל־באַוווסטע אַנאַרכיסטן האָבן געמוזט אָפּריכטן מחוץ זייערע אייגענע היימלענדער. אַזוי למשל, האָבן די שפּאַנישע אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן געלעבט אין פּאַריז, גערעדט אַ פּערפעקטן פראַנצויזיש. די לאַטיין־אַמעריקאַנישע אַנאַרכיסטן, וואָס זענען געהאַט אַנטלאָפן קיין אייראָפּע, כדי זיך צו ראַטעווען פון די מערדערישע רעגירונגס־באַנדעס אין אַרגענטינע, טשילי, און אורוגוואַי, האָבן פליסיק און פליסיק גערעדט די לשונות פון די לענדער, וווּ זיי האָבן זיך געהאַט באַזעצט, דאָס מיינט, שוועדיש, האָלענדיש, אָדער דייטש.

צווישן דעם עולם זענען געווען קעפּ מיט גרויע האָר און קעפּ מיט כלערליי משונהדיקע ווילדע „היפּי”־פריזורן, און מ'האָט אויך געקאָנט זען נאַקעטע פּליכן זיצן זייט ביי זייט מיט יונגע מיידלעך, רויטהאָריקע און ליכטיק־בלאָנדע. און פּונקט אַזוי קאָלירפול ווי זייערע קעפּ, זענען אויך געווען זייערע מלבושים. די שוואַרצע לעדערנע קורטקעס, וואָס ס'האָבן געטראָגן די יונגעלייט מיט אויריינגלעך, בפועל ממש, זענען געזעסן בשכנות מיט די טונקעלע סוחרישע גאַרניטערס, וואָס טייל אַנאַרכיסטן מיט סטאַטעטשנע קראַוואַטן האָבן געטראָגן. באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן האָט מען אין דער דאָזיקער אויסגעמישטער מאַסע גרינג געקאָנט דערפילן דעם ענטוזיאַזם און די ענערגיע און די חברישקייט און די פריינטשאַפט, וואָס האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט און וואָס זענען געווען בולטע סימנים פון וויטאַליטעט און התפעלות.

די ערשטע פּאַנעל־דיסקוסיע איז געווען אויף דער טעמע: „די סמיכות־הפרשה מיט 1984”, וואָס איז אויך געווען דער לייטמאָטיוו פונעם צוזאַמענפאָר בכלל. פּראָפעסאָר דזשאָהן

קלאַרק, וואָס קנעלט פּאָליטישע פילאָסאָפיע אינעם אוניווערסיטעט אין ניו־אָרלינס, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט גערעדט וועגן דזשאָרדזש אָרוועלס בוך, און ער איז געקומען צום אויספיר, אַז אין אונדזערע צייטן און ניט אומעטום איז מאַכט אַזוי גראָב און ברוטאַל ווי אָרוועל האָט דאָס פאָרויסגעזען, נאָר שיין פאַרפוצט און פאַרפירעריש. די דאָזיקע מאַכט פּליסט פון קולטורעלע שאַפונגען מכל המינים און פון דער פּראָדוקציע פון סחורות און אַרטיקלען, וואָס מ׳האָט איינגערעדט דעם עולם, אַז אָן זיי קאָן ער ניט לעבן. אַזוי אַרום ווערט דער יחיד משועבד צו זאַכן, וואָס פאַרקנעכטן אים און מאַכן אים אָפּהענגיק פון אַנדערע. אָבער דאָך האָט דער רעדנער אויסגעפירט, אַז ס׳איז יאָ פאַראַן אַ האָפענונג, אַז דער מענטש וועט סוף־כּל־סוף זיך קאָנען באַפרייען פון דער דאָזיקער פאַרפירערישער מאַכט און זיך דערהייבן צו יחידישער אומאָפּהענגיקייט און סאָציאַלער שעפערישקייט אין אַ באַפרייטער געזעלשאַפט.

ביי אַ צווייטער סעסיע האָט דער פּאַריזער פּראָפעסאָר ראָזשעי דאַדון, וואָס איז דער מחבר פון ביכער וועגן ווילהעלם רייך און זיגמונד פרויד, אָנגעפירט מיט אַ דיסקוסיע אויף דער טעמע: „פּסיכאָ־אַנאַליז און געזעלשאַפט”. נאָך דער זיצונג האָב איך דעם דאָזיקן פּראָפעסאָר געפרעגט: „וואָס איז די שטעלונג פון די אַנאַרכיסטן צו פּסיכאָ־אַנאַליז?” דערויף האָט ער אומגעדולדיק געענטפערט: „אָ, זיי ווייסן גאָר ניט וועגן דעם!” און דעריבער טאַקע האָט ער אָרגאַניזירט די דאָזיקע פּאַנעל־דיסקוסיע, וואָס האָט טאַקע צוגעצויגן אַ גרויסן עולם, אַ צו גרויסן עולם, אין דעם איבערגעפּאַקטן זאַל, וווּ די פאַרזאַמלטע האָבן מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט צו אַ צאָל אַרויסרופערישע און סטימולירנדיקע רעפעראַטן. די דאָזיקע סעסיע איז געוואָרן פּלאַנירט, ווי אַ דיאַלאָג מיט דיסקוסיעס. אָבער אַזוי פיל באַטייליקטע האָבן געלייענט זייערע רעפעראַטן, אַז ס׳איז ניט פאַרבליבן קיין צייט פאַר פראַגעס און קאָמענטאַרן, שוין אָפּגערעדט פון דיסקוסיעס.

פּראָפעסאָר דאַדון, אַ פלינקער און ענערגישער מאַן, איראָניש און מיט אַ פיינעם חוש פאַר דראַמאַטישע עפעקטן, האָט געעפנט די פּאַנעל־דיסקוסיע מיט אַ קורצן אַריינפיר און אָנגעוויזן אויף דער קרובישאַפט צווישן פּסיכאָ־אַנאַליז מיטן אַנאַרכיזם. ער האַלט, אַז די אַנאַרכיסטישע אידעאָלאָגיע ליידט פון דעם, וואָס זי האָט ניט קיין פאַסיקע פּסיכאָלאָגיע. אָבער פּסיכאָ־אַנאַליז גיט אונדז דעם מעטאָד צו קאָנפראָנטירן און אַריינצודרינגען אין די עצמדיקע מהותן פון געוויסע שטרייטפראַגעס, וואָס זענען וויכטיק פאַרן אַנאַרכיזם, ווי למשל, דער סעקסועלער מעכאַניזם פון אונטערגעוואָרפנקייט צו אויטאָריטעט, די צוציאונגס־קראַפט צו טויט, און די פּסיכאָלאָגישע מעכאַניזמען פון דער מלוכהשער מאַכט. נאָך אַ זאַך: פּסיכאָ־אַנאַליז און אַנאַרכיזם האָבן באַשטימטע בשותפותדיקע צילן, איינגעשלאָסן די אינערלעכע און אויסערלעכע באַפרייאונג פונעם יחיד. אַזאַ סאָרט באַפרייאונג וועט גורם זיין דאָס גרינדן קליינע גרופּעס, וואָס וועלן באַגינציקן דאָס פרייע צוזאַמענלעבן און דערמוטיקן דעם ווידערשטאַנד צו די כלערליי פאָרמעס פון אויטאָריטעט. און אַ וויצלדיקן טאָן האָט פּראָפעסאָר דאַדון פאַרענדיקט, אַז די סאַמע געבורט פון איטלעכן יחיד, דעם וולדס באַפרייען זיך פון זיין מוטערס בויך, איז אַ בולטער באַווייז פון דער נאַטירלעכקייט פונעם אַנאַרכיזם, וואָס שטעלט דאָך דעם טראָפּ אויף ניט זיין צוגעבונדן מיט צוואַנג צו קיינעם. און צום סוף האָט דער פּראָפעסאָר טעאַטראַליש אויסגערופן: „שוין דער וולד איז אַן אַנאַרכיסט!”.

וועגן די ווייטערדיקע דיסקוסיעס מכוח דער שייכות צווישן פּסיכאָ־אַנאַליז און אַנאַרכיזם און וועגן די דעבאַטעס איבער די אַנדערע אַנאַרכיסטישע ענינים וועל איך איבערגעבן אינעם צווייטן אַרטיקל פון מיין באַריכט וועגן דעם אַנאַרכיסטישן צוזאַמענפאָר אין ווענעציע.

# דער אַרבעטער קאַמף אין דעם לאַנד פון גולאַג

נאָך דעם צעשלאָגן דורך די באָלשעוויקעס אין 1920 אַלע אַנדערע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, ווערן די סאָוויעטישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, „פּראָפסאָיוזן” אַ טייל פון סאָוויעטישן מלוכה־אָרגאַן. אַנשטאָט צו זאָרגן פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער, העלפן זיי דעם סאָוויעטישן ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט אַנצוואַרפן אויף די אַרבעטער זייער ווילן. דאָס שרייבט טאַקע דער „סמאַט” אַז: „אין אונדזער לאַנד עקזיסטירט ניט קיין איין אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל רעפּרעזענטירן די אַרבעטער”. מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט האָבן די סאָוויעטישע מלוכישע אָרגאַנען ניט דערלאָזט אַן אומאָפּהענגיקע, אייגענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע זיך צו אָרגאַניזירן.

אין 1977 נעמט זיך צונויף אַ גרופּע אַרבעטער מיטן ציל צו פּראָטעסטירן קעגן די שלעכטע אַרבעט־באַדינגונגען, ווי קעגן דער קאָרופּציע פון די מלוכישע און פאַבריק פאַרוואַלטונגען. דער וואָרטזאָגער פון אָט דער גרופּע איז געווען דער קוילן־גרעבער וולאַדימיר קלעבאַנאָוו. ער ווערט דערפאַר באַשטראָפט, מיטן תּירוץ אַז ער האָט סאַבאָטירט די זיכערקייט פון די קוילן־גרובן, און ער ווערט געהאַלטן אין אַ פּסיכושקע (אַ פּסיכאָ געפאַנגענשאַפט שפּיטאָל).

אין אָנפאַנג 1978 אַנטשטייט די גרופּע „פאַראייניקונג פון פריי פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען”, זיי פאָדערן מען זאָל געבן די אַרבעטער די רעכטן, וואָס זענען דורך דער מאַכט ביי זיי צוגערויבט געוואָרן. אָבער די ביוראָקראַטן פון די מלוכישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען (פּראָפסאָיוזן) דערקלערן די דאָזיקע פאַראייניקונג פון די אַרבעטער אַלס „באַנדע פון סאַבאָטאַזשניקעס” און אין מערץ ווערט די גרופּע דורך דער מאַכט